ב"ה

# צעירי השלוחים



"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office

## י"ז סיון תשס"ה

## פרשת שלח

טייערע קינדער שלוחים.

דעם סקול יאר האט זיך געענדיקט אין מערסטע סקולס און ישיבות. יעצט קומט אן דעם זומער, מיט מער פרייע צייט. אבער ווי דער רבי האט אונז אזוי פיל מאל געזאגט, פון אידישקייט איז ניטא קיין חופש ח"ו. תורה און מצוות זיינען אונזער לעבן, און פונקט ווי מיר נעמען ניט א חופש פון עסן ח"ו, דארפן מיר האבן תורה און מצוות אלעמאל.

אסאך פון אייך, טייערע קינדער שלוחים, האבן נאך א גרויסע זכות אין זומער. צו זיין א חלק פון א דעי קעמפ, וואו עס קומען אנדערע קינדער וואס ווייסן נאך ניט אלס וועגן אידישקייט. דאס איז די בעסטע צייט צו שטארקן זיך אין אייער תורה ומצוות, און דורך דעם זיין א לעבעדיגע ביישפיל, צו משפיע זיין אויף אלע קינדער ארום. און זיכער אין זכות פון אייערע ארבעט, וועלן מיר זוכה זיין שוין דעם זומער צו זיין אין ירושלים מיט משיח צדקנו!!

איידלה וועכטער

## דערציי'ל מיר א מעשה



יעדער יאר איז ר' שלמה "די געלער", מלמד פון נעוועל, געגאנגען צו ליובאוויטש צו זיין ביי דער רבי רש"ב אויף שמחת תורה.

ער איז אלעמאל געגאנגען צו פוס און האט ניט געוואלט אפילו ארייננגיין אין א וואגן אויפן וועג צו ליובאוויטש. אפילו ווען ער איז געווארן עלטער, און איז ניט געווען אזוי שטארק, איז ער געגאנגען צו פוס.

"אין מיין ליובאוויטש", האט ער געזאגט "וועט קיין פערד ניט האבן א חלק!!"

ער האט אמאל געזאגט, "עס וועט קומען א צייט ווען איך וועל מוזן געבן א דין וחשבון פאר'ן בית דין של מעלה: דער איינציגסטע זאך וואס קיינער וועט ניט קענען נעמן פון מיר איז דאס וואס איך בין אלעמאל געגאנגען אין ליובאוויטש. און דאס אליין זאל א פערד אוועקנעמען פון מיר?! אין מיין ליובאוויטש, וועט קיין פערד ניט האבן א חלק!!"

*קינדער, זעט ווי א חסיד דארף זיין. א חסיד דארף וועלן ארייננלייגן אלע זיינע כחות אין זיין פארבונדן צום רבי'ן!*

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת שלח

מצות חלה

אין דער היינטיקער פרשה זאגט אן די תורה די מצוה פון "חלה" וואס איז דער ענין פון מצות חלה?

בשעת א איד וויל עסן ברויט, זאגט תורה - "**תרימו תרומה לה'**", מען דארף אפגעבן א טייל דערפון צום אויבערשטן. און נאך מער - "**ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה**": די ערשטע פון דעם טייג, נאך איידער מ'האט אליין עפעס הנאה, דארף מען אפגעבן צום אויבערשטן. און דאס ווערט אנגערופען "**תרימו תרומה**" - מען הויבט עס אויף - ווייל דערמיט נעמט מען אן ערדישע זאך, "מלחם הארץ", און מען מאכט עס הייליק.

דערפון האט מען אויך אן אפלערנונג בנוגע דער אויפפירונג פון א אידן:

אלע באדערפענישן פון א מענטשן ווערן אנגערופען "לחם", וויבאלד אז דער עיקר שפייז פון א מענטשן איז ברויט, "**ולחם לבב אנוש יסעד**", און ערשט דערנאך קומען די זאכן און באדערפענישן וואס זיינען א "טפל" דערצו.

לערנט אונז די מצוה פון חלה, אז "**ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה**", אז פון יעדער באדערפעניש וואס מ'האט, דארף מען צום אלעם ערשטן אפגעבן א חלק צום אויבערשטן, "תרומה לה'".

דאס הייסט: כאטש דאס איז "עריסותיכם", דאס איז א טייל פון דעם **מענטשנ'ס** באדערפענישן - עסן, טרינקען, קליידער אדער די דירה וואו מ'לעבט - דארף מען אפגעבן דעם "ראשית" דערפון אלס "תרומה לה'".

און דער אויבערשטער, וואס איז "**נצב עליו**", גיט יעדער אידן די נויטיקע כוחות אויף קענען "אויפהויבן" זיינע גשמיות'דיקע זאכן און זיי הייליק מאכן.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע אידישע קינדער: אלץ וואס זיי באקומען פון זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, מדריכים און מדריכות, לערערס און לערערינס, מלמדים און רביים -

*(המשך אין עמוד 2)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידישן לוח

## י״ג סיון

### חתונה פון הרה״ג ר׳ לוי יצחק און רביצין חנה

י״ג סיון, אין יאר תר״ם איז געווען די חתונה פון הרה״ג ר׳ לוי יצחק און רביצין חנה, די עלטערן פון אונזער רבי.

ווען ר׳ לוי יצחק איז אנגעקומען צום צייט פון שידוכים, האט דער רבי רש״ב מציע געווען די טאכטער פון הגה״ח ר׳ מאיר שלמה ינאווסקי דער רב פון ניקאלאיעוו.

נאכדעם וואס מען האט באשטימט דעם טאג פון דער חתונה, האט רביצין חנה ניט גוט געפילט און מען האט געטראכט אפשר שטופען דעם חתונה טאג. מען האט געבעטן דער רבי רש״ב אויף זיין הסכמה צו שטופען דעם חתונה.

ער האט ניט מסכים געווען און האט געזאגט א אלץ וועט זיין בסדר, זי וועט פילן גוט, און אלס וועט זיין אין דעם ריכטיגן צייט. און טאקע, רביצין חנה האט בעסער געפילט און אלס איז געווען ווי מען האט געפלאנט.

הרה״ג ר׳ לוי יצחק איז געבליבן ביי זיין שווער צען יאר און געלערנט לעבן אים, ביז ער איז אוועקגעגאנגען און געווארן דער רב פון יעקאטרינאסלאו.

הרה״ג ר׳ לוי יצחק או רביצין חנה האבן געהאט דריי זין: אונזער רבי, נשיא דורנו, ר׳ דובער, און ר׳ ישראל ארי׳ לייב .

# משיח נאו!



אמאל איז געווען א קינד וואס איז געגאנגען מיט זיין טאטע צו זען דעם קעניג׳ס גרויסע פאלאץ. זיי זיינען ווייט געפארן ביז זיי זיינען אנגעקומען צום שטאט פון קעניג. ווען זיי זיינען אנגעקומען לעבן דעם קעניג׳ס פאלאץ, האבן זיי געזען א גרויסע וואנט וואס האט ארומגערינגלט דעם פאלאץ און האט עס באהאלטן פון צו קענען זען.

זיי זיינען געווען זייער אומצופרידן, ביז זיי האבן באשלאסן אז די טאטע וועט שטיין, און זיין קליינע זון וועט שטיין אויף אים צו קענען זען, און אזוי וועט ער קענען אנקומען וואו די טאטע קען ניט און ער וועט דערציילן זיין טאטע וועגן די פאלאץ.

יעצט קינדער, טראכט אריין, די זון איז געווען אסאך קלענער פון זיין טאטע, איז ווי האט ער געקענט זען וואו זיין טאטע האט ניט? ער האט געקענט זען, ווייל ער איז געשטאנען אויף זיין טאטע׳ס פלייצעס!!

מיר זיינען דעם דור השביעי, דעם דור וואס דער רבי האט געזאגט וועט זען משיח!! אפילו מיר זיינען ניט אזוי גרויס, זיינען אונזערע מעשים אויף די מעשים פון אלע פריערדיקע דורות, גענוג איבערגיין דעם וואנט פון גלות און ברענגען גאולה!!

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

כאטש לכאורה עס איז ״עריסותיכם״, עס געהערט צום קינד - דארף ער אפגעבן די ״בעסטע״ און די ״ערשטע״ דערפון צום אויבערשטן.

איז אנדערע ווערטער: איידער ער נוצט אויס די אלע זאכן כדי ער זאל ווערן קליגער (דורך זיינע מחנכים און דאס גלייכן), און זיין אויסגעהיט פון קעלט אדער היץ (דורך קליידער) - דארף ער דאס צום אלעם ערשטן ״אפגעבן דעם אויבערשטן״.

און דורך דעם טוט מען אויף דעם ענין פון ״**תרימו** תרומה לה׳״ - מען **הויבט אויף** די תרומה לה׳:

כאטש מען האט צו טאן מיטו גשמיותדיקע זאכן וואס געהערן צו **וועלט**, ביז וואכעדיקע זאכן - איז דורך דעם וואס דער ״ראשית עריסותיכם״ איז ״להשם״, טוט עס אויף, אז די הנהגה פון גאנצן טאג זאל ווערן ״**אויפגעהויבן**״, א ג-טלעכע זאך.

צום ביישפיל:

דורך דעם וואס מ׳הויבט אן דעם טאג מיט זאגן ״מודה אני לפניך וכו׳״, אז נאך איידער מ׳עסט עפעס, מ׳טרינקט עפעס אדער מ׳האט עפעס א הנאה פון וועלט - דאנקט מען דעם אויבערשטן פאר די חסדים וואס ער האט געטאן, וואס דאס איז אן ענין פון ״**ראשית** עריסותיכם גו׳ לה׳״ - ווירקט עס אויף דעם גאנצן טאג, אז עס ווערט אן ״אויפגעהויבענער״ טאג.

די זעלבע זאך בנוגע יעדער פעולה פון הנאה פון וועלט וואס מען טוט במשך דעם גאנצן טאג - אזוי ווי עסן ״לחם״ און איינפאכן זין - דארף דער ״ראשית״, דער אנהויב פון דער אכילה זיין מיט א ״ברכה״ להשם, און דורך דעם ״הויבט מען אויף״ (״תרימו״) די אכילה ושתי׳.

אין א גאר פשוט׳ן זין מיינט עס: די ברכה פארן עסן דערמאנט א אידן אז די אכילה זאל זיין כדבעי, א כשר׳ער מאכל וכו׳.

ובמילא, ווען דער יצר הרע קומט מבלבל זיין, און זאגן, למשל, אז כאטש מ׳האט ערשט געגעסן א פליישיקן מאכל, זאל מען גלייך עסן א מילכיקע מאכל וואס איז געשמאק און פארשאפט פארגעניגן,

ענטפערט אים גלייך א אידיש קינד אז ער איז א ״פרא אדם״ וואס פארשטייט ניט וואו ער געפינט זיך און ווער עס פירט אן מיט דער וועלט און ווער עס האט באשאפן דעם עסן און טרינקען (סיי די פליישיקע סיי די מילכיקע: סיי די כשר׳ע מאכלים און סיי די ניט-כשר׳ע מאכלים): ווייל אויב ער וואלט דאס פארשטאנען וואלט ער ניט געווען קיין ״כסיל״, דער אמת׳ער ״שוטה״ און ״נאר״, און וואלט ניט געקומען דערציילן אזא נארישקייט (״נאנסענס״) א זאך וואס האט קיין אינהאלט ניט...

און דאס גדענקט מען דורך דעם וואס דער אנהויב (״ראשית״) פון דעם טאג און פון יעדער אכילה איז - ״להשם״.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת ד׳ אלול תשמ״ה)*



# פרקי אבות
# פרק שני

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, כ״א סיון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת שלח

א. אין פרשת שלח רעדט זיך וועגן מצות חלה, וואס איז די מצוה?____________
______________________________________________

ב. וואס לערנען מיר פון די מצוה?______________________________

ג. ווער האט חתונה געהאט י״ג סיון?______________________________

ד. ווער האט געמאכט דעם שידוך?______________________________

ה. וואס איז געשען פארן חתונה?______________________________

ו. וואס האט דער רבי רש״ב געהייסן טאן?__________________________

ז. וואו איז הרה״ג ר׳ לוי יצחק געווען רב?__________________________

ח. וואס האט דער רבי געזאגט וועגן אונזער דור?______________________

ט. ווי קענען מיר טאן וואס אנדערע מענטשן האבן ניט געטאן צו ברענגען גאולה?__________________________________________

י. וואס קענסטו טאן צוליב דעם?______________________________

נאמען: ________________________ ווי אלט: ____

אדרעס:________________________________________

אי-מייעל: ________________________________________

**הצלחה רבה!**